בס"ד שבת מברכים חשון | ר"ח יום שישי ושבת קודש | המולד יום שישיע 16:05 | 14 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**בראשית**

**כ"ד תשרי תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:20 |
| מוצש"ק | 6:33 |
| ר"ת | 7:12 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:51 | סוז"ת א' | 10:02 |
| סוזק"ש ב' | 9:34 | סוז"ת ב' | 10:30 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"ו

שנה ב'

## טיב הפרשה

# די סגולה פון די הייליגע הקפות

## צו צוברעכן די מחיצה המפסקת

דער שפיץ פון דער הייליגער יום טוב שמיני עצרת און שמחת תורה איז די הקפות.

אין דער ענין פון די הקפות איז באהאלטן מורא'דיגע סודות. נישט אלעס קען מען משיג זיין, אבער אז מען קוקט אריין אין די יהי רצון וואס דער הייליגער חיד"א האט געמאכט אויף די הקפות זעט מען דארט אז דער חיד"א שרייבט אין זיין תפילה אז אין זכות פון די הקפות זאלן אראפפאלן אלע מחיצות הברזל צווישן הקב"ה און כלל ישראל.

ווען מען איז זיך מתבונן אין איר בלייבט מען שטיין ערש־טוינט. כלל ישראל האט נארוואס געענדיגט אפפראוועגען א ראש השנה, א יום כיפור, א הושענא רבה, אין אזעלכע גרויסע טעג וואלטן די מחיצות געדארפט אראפפאלן, און ווי אזוי קומט מען צוגיין א טאג דערויף און מען בעט פון הקב"ה אז ער זאל אראפנעמען אלע מחיצות, ווי אזוי קען זיין אז עס איז נאך געבליבן מחיצות?

אבער אז עס שטייט אזוי, מוז זיין אז אויך נאך אזא עבו־דה וואס כלל ישראל האט אראפגעלייגט איז געבליבן א מחיצה, און די איינציגסטע זאך וואס קען עס צוברעכן איז די הקפות, די שמחה של מצוה פון שמחת התורה ביינאכט.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין בדרך צחות אז היינטיגע צייטן ווערט שטארקער די ענין פון די הקפות. די טענץ ווערן לענגער און מיט מער א ברען. עס איז דא וואס קוקן אויף איר אין די בחינה פון 'אכשור דרא', אבער עס קען זיין אז עס האט אויך א פארקערטע דערהער.

אמאליגע צייטן האט מען אין די הייליגע טעג דורכגע־בראכן אלע מחיצות. צו דעם גרויסן טאג זענען שוין די טויערן געווען אפען, אבער היינט אז די מויערן זענען נישט דורכגעבראכן דארף מען זיי אויפברעכן.

דער אמת איז אז די הקפות זענען דאך א זמן שמחה. אין די

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# אמונה און תמימות

אינדערצייט וואס דוד המלך איז אנטלאפן פון זיין זון אבשלום, איז אים שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא אנט־עקגן געקומען, און האט אים זייער שטארק געשענדעט און פארשעמט, און שמעי האט נישט גערוט פון זיין צארן ביז ער האט אויך פארשטיינערט דוד מיט שטיינער. א גרויסער שאנד האט דוד געהאט אין יענער צייט, ווייל נישט נאר האט ער געמוזט אנטלויפן און פארלאזן די מלוכה, נישט גענוג אז זיין זון האט אים נאכגעיאגט, איז נאך געקומען איינער פון די סנהדרין צו אים און האט אים פארשעמט און אים באַוואָרפן מיט שטיינער, אזוי ווי ער וואלט געווען איינער פון די ליידיג־גייער.

ווען אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה האט דאס צוגעזען, האט ער געבעטן ערלויבעניש פון דוד אפצושניידן דעם קאפ פון שמעי, ווי דער דין פון א מוֹרֵד בְּמַלְכוּת, אבער דוד האט אים צוריקגעהאלטן דערפון, זאגנדיג "ה' אָמַר לוֹ קַלֵּל". טראץ זיין נידעריגער מצב האט זיך דוד המלך געשטארקט מיטן ריינע און קלארע אמונה, אז אלעס ווערט געפירט בידי שמים.

דא האט דוד מגלה געווען, אז קיין שום מצב וועט אים נישט אוועקפירן פון זיין שטארקע אמונה. און נאכן ביישטיין דעם פארהער ביי דעם נסיון, איז ער גאר שטארק דערהויבן גע־ווארן, אויף אזוי ווייט אז חכמינו ז"ל זאגן אז אין דעם זכות האט ער זוכה געווען צו זיין דער פערטער פוס פון די מרכבה. זיין ביישטיין אינעם נסיון פון די אמונה איז דאס וואס האט אים דערהויבן צום שפיץ פון די מדריגות.

די לעבן פון דוד איז דאך געווען א השלמה צו דער לעבן פון אדם הראשון, ווייל אדם הראשון האט געשאנקען זיבעציג יאר פון זיינע לעבנס־יארן צו דוד, און ווירקליך זעען מיר אז זיין לעבן איז געווען אזוי ווי איין שטיק מיטן לעבן פון אדם הראשון, וויבאלד אט די ריינע און לויטערע אמונה האט זיך שוין געפינען ביי אדם הראשון.

אין אונזער פרשה זעען מיר וויאזוי אדם הראשון איז געווען גאר אויסגעצייכנט מיט זיין אמו־נה. דאס איז געווען נאכדעם וואס חוה האט אים געשטרויכלט מיטן חטא פונעם עץ הדעת, און דעמאלטס האט ער געזען ווי זיין וועלט איז חרוב געווארן צוליב אט דעם שטרויכלונג, ווייל ביז דעמאלטס איז ער געזעצן אין גן עדן, און האט זוכה געווען דארט צו א געוואלדיגער תענוג, עס האט אים גארנישט געפעלט און וואס ער האט נאר געדארפט איז געווען גרייט פאר אים אנדעם וואס ער זאל זיך בכלל דארפן אנשטרענגען, און דא האט אים באטראפן אזא גרויסע צרה, ווען דער אויבערשטער האט אים געלאזט וויסן אז ער דארף פארלאזן דעם גן עדן, און אויך די קללה פון "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם" איז דעמאלטס ארויפגעלייגט געווארן אויף אים, און פון דעמאלטס און ווייטער האט ער זיך שוין געדארפט באמיען אנצוגרייטן זיינע געברויכן, און דאס איז אים אנגעקומען מיט גרויס יגיעה, וויבאלד אפילו גראב־געצייג איז נאך דעמאלטס נישט געווען, און אויסערדעם וואס זיין לעבן איז געווארן זייער ביטער, איז ער באשטראפט געווארן אז ער וועט דארפן שטארבן.

טראץ דעם אלעם, זעען מיר אז גלייך נאכדעם וואס ער האט באקומען דעם גאנצן שטראף, שטייט אין פסוק "וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה כִּי הִיא הָיְתָה אֵם כָּל חָי", נישט גענוג וואס ער האט זיך נישט באקלאגט אויף איר, נאר ער האט איר נאך מכבד געווען דערפאר וואס זי איז 'אֵם כָּל חָי', און דאס אלעס איז געווען צוליב זיין ריינע אמונה אז אלעס איז בִּידֵי שָׁמַיִם.

(עפ"י טיב התורה – בראשית)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

צייט פרייט זיך כלל ישראל מיט די תורה. עס איז ידוע די כח פון שמחה של מצוה אז עס איז אן קיין גרעניץ, און דאס איז בְּיֶתֶר שְׂאֵת שאת אין אזא טאג.

כידוע איז שמחת תורה איינס פון די גרעסטע טעג פון יאר. אין דעם טאג טאנצט כלל ישראל מיט כביכול אליין, מיט די שכינה הק', ווייל די תורה הק' מיט די שכינה זענען איינס און ווי חז"ל זאגן אין פרשת שמות [רבה לג. א] יש לך מקח שמי שמכרו נמכר עמו, אמר הקב"ה לישראל: מכרתי לכם תו־רתי כביכול נמכרתי עמה, שנאמר: 'ויקחו לי תרומה'.

מיר ווילן דאך אז דער יחוד זאל זיין גאנץ, און וועגן דעם זענען מיר מכבד די תורה און מיר האפן אז מידה כנגד מידה וועט אונז די תוה"ק מכבד זיין און מגלה זיין סודות התורה. אין אזא צייט ווען מען פרייט זיך מיט איר איז אויך א גוטער צייט זיך איבערצובעטן מיט די תורה הק' און זיך פאָרנ־עמען אז מען גייט שוין זיין גוט.

מען דארף זען אויסצונוצן די צייט כדבעי, בפרט ווען די היכל איז אפען און מען איז בשמחה. בשם די פריערדיגע צדיקים זאגט מען נאך אז די תכלית העבודה איז אנצוקומען צו שמחת תורה, צו די 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים', ווייל מיט דעם כח ברעכט מען דורך אלע מחיצות צווישן כלל ישראל און הקב"ה.

דער זוה"ק געבט צו פארשטיין די גרויסקייט פון דעם טאג, זאגנדיג אז די ימי הסוכה זענען מרמז אויף די מידה פון בינה וועלכע ווייזט אויף די 'אמא עלאה' און אין דעם טאג געזעגנט מען זיך פון דער אור און כידוע איז אייביג א געזע־גענען א זמן רצון, ווייל ביידע זייטן ווילן אז מען זאל בלייבן מיט א גוטער טעם.

משל למה הדבר דומה, צו א מאמע וואס געזעגנט זיך פון איר קינד איידער ער גייט ארויס צולערנען אין ישיבה, צו גולה זיין למקום תורה.

מען רעדט פון א קינד וואס לערנט אין א ישיבה אבער ער האט זיך צוריקגעקערט אין די טעג צו זיין שטוב, און יעצט גרייט ער זיך אויף נאך א נסיעה. ווען ער קומט אהיים אין שטוב ווע־רט א שטארקע שמחה און ווען ער איז אין שטוב איז מען זיך משתשע מיט אים, אבער ווען עס קומט די צייט און ער דארף צוריקפארן אין ישיבה ווערט נתעורר די גרויסע בענקעניש און נאנטקייט, און די זעלבע איז אויך דא מיט כלל ישראל און דער רבוש"ע.

אין חודש תשרי קומט א איד צוריק צו הקב"ה. מען דאווענט און מען לערנט און מען זיצט אין די סוכה מיט די שכינה, אבער ווען אלעס גייט פארביי און מען וויל אלעס ענדיגן ווערט נתעורר די מורא'דיגע אהבה פון הקב"ה צום כלל ישראל און וועגן דעם איז עס טאקע אזא זמן המסוגל.

זאל הקב"ה געבן אז אין דעם טאג זאל מען קענען פועל'ן גרויסע זאכן און זוכה זיין צו קרבת אלקים.








## טיב ההשגחה

### מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# וראו כל עמי הארץ – אויך דער גוי זעט איין

די מעשה וואס כ'גיי דא דערציילן, האט פאסירט מיט מיר נאך אסאך איידער די קריג צווישן אוקראיינע און רוסלאנד האט אויסגעבראכן.

אין יענע צייט האב איך זיך ארויסגעלאזט מיט מיין פרוי און א קליין קינד אויף א נסיעה קיין אוקראיינע. די פלאן איז געווען אז מען וועט נעכטיגן אין אומאן און במשך די טאג וועט מען ארומפארן צו קברי צדיקים.

דעם ערשטן טאג פון די רייזע האב איך זיך ארויסגעלאזט צופרי קיין בארדיטשעוו און מתפלל געווען ביים קבר פון דער הייליגער בארדיטשעווער רב. די התעוררות איז געווען זייער גרויס און מען האט געדאנקט הקב"ה אז מען האט געהאט די זכיה איבערצולעבן אזא נסיעה.

גרייטנדיג ארויסצוגיין אויפ'ן וועג צוריק קיין אומאן, האט די קאר אנגעהויבן צו מאכן קונצן. די מאטאר האט זיך נישט געהאלטן ביים אנצינדן. איך האב זיך געבעטן ביים דרייווער ער זאל נישט אויפגעבן, אבער ער האט געהויבן הענט זאגנדיג אז די קאר ארבעט נישט.

"וואס איז די עצה"? האב איך אים געפרעגט.

"עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה ווי צו רופן א צווייטער קאר פון אומאן".

הערנדיג זיינע פלענער בין איך געווארן דערציטערט. דא זיצט מען אין א פרעמד לאנד מיט א קליין קינד און מען וועט דארפן אויסווארטן אזוי לאנג. איך האב באשלאסן אז כ'גיי צוריק אריין צום ציון הק' און כ'וועל דארט מתפלל זיין מעומקא דלבא אז דער צדיק זאל שיקן די ישועה. איך האב אזוי געטון, איך בין אריין דאווענען אין איה, איך האב זיך אויסגערעדט צום צדיק אראפלייגענדיג מיין מצב און געבעטן אז ער זאל פועל'ן א ישועה.

ארויסקומענדיג פון די אוהל פול מיט אמונה האב איך געבעטן דער גוי ער זאל נאכאמאל פראבירן. דער גוי האט געלאכט פון מיר, אבער קעגן מיינע בקשות האט ער נישט געקענט קעגנשטיין און פרובירט נאך אמאל.

צו זיין וואונדער האט זיך דער קאר אנגעצינדן. מיר האבן אלע געזען ווי אזוי די צדיק האט א כח און פועל'ט ישועות למעלה מדרך הטבע.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# מוותר זיין – אינדערהיים!

**וַיֹּאמֶר הָאָדָם זֹאת הַפַּעַם עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי, לְזֹאת יִקָּרֵא 'אִשָּׁה', כִּי מֵאִישׁ לֻקֳחָה זֹּאת. עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד** בראשית ב, כג-כד

דער יסוד פון די מצוה פון '**ודבק באשתו**', אויפצושטעלן א בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, געפינט זיך אין די מידה פון וִתּוּר, און דאס איז דער ערשטער תנאי ביים אויפשטעלן א אידישער שטוב, דערמיט וואס מען איז זיך קונה די מידה פון מוותר זיין, דורכן מוותר זיין איינמאל און נאכאמאל!

דער יסוד פון 'וִתּוּר' ליגט אינעם עבודה פון '**בִּטּוּל הַיֵּשׁ**', ווען דער איד איז זיך מבטל פארן אויבערשטן און פאר זיין הייליגע תורה, צו טון יעדער זאך און יעדער ענין לויטן באפעל פון אונזער הייליגע תורה. – אזוי ווי **הרה"ק בעל אהבת ישראל זי"ע** האט געזאגט, אז "**ודבק באשתו**", איז ראשי תיבות: "**א**'הבת **ת**'ורה **ו**'יראת **ש**'מים", ווייל דורכדעם איז מען זוכה צו 'ביטול היש' און צו די מידה פון 'ויתור', וואס דורכדעם וועט קומען דער שלום אין הויז.

דערמיט האבן די בעלי המוסר מפרש געווען בדרך הפשט, דאס וואס די הייליגע גמרא זאגט אינעם ערשטן פרק פון **ברכות** (ח.): "בְּמַעֲרָבָא כִּי נָסֵיב אִינַשׁ אִתְּתָא, אָמְרֵי לֵיהּ הָכֵי: '**מָצָא אוֹ מוֹצֵא**', '**מָצָא**' דִּכְתִיב (משלי יח, כב) 'מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵה'", '**מוֹצֵא**' דכתיב (קהלת יז, כו) וּמוֹצֶא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה וגו'". און אייגנטליך דארף מען דאך פארשטיין, וואס האט מען געוואלט זאגן דערמיט פארן חתן, און פארוואס זאל מען אים דערצערנען אינדערצייט פון זיין שמחה.

נאר דער פשט איז אזוי, אז עס שטייט נישט אז מען האט אים געפרעגט, נאר '**אָמְרֵי לֵיהּ**', מען האט אים געזאגט, מען האט אים געלאזט וויסן אז ער זאל וויסנדיג זיין אז ער האט צווי וועגן פאר אים, 'מָצָא אוֹ מוֹצֵא', און ער זאל וויסן וויאזוי אויסצוקלויבן צווישן זיי. – ווייל אויב '**מָצָא אִשָּׁה**', אז ער טראכט אלעמאל איבער וואס די פרוי דארף האבן און זוכט איר טובה און נישט זיין אייגענע, דעמאלטס איז '**מָצָא טוֹב**'. אבער אויב חלילה '**מוֹצֵא אֲנִי**', ער זוכט אלעמאל זיין אייגענע טובה און זיינע אייגענע געברויכן, און נישט די געברויכן און גוטס פון זיין ווייב, דעמאלטס איז עס חלילה '**מַר מִמָּוֶת**'...

• • •

עס האט מיר דערציילט אן איש נאמן, אן אייניקל פונעם ראש הקהל פון די קהילה־קדושה סאטמאר אין ניו יארק, וועלכער איז געווען זייער דבוק און מקושר צום הייליגן רבי'ן בעל "**דברי יואל**" זצוק"ל, די פאלגנדע דערציילונג:

איינמאל איז זיין זיידע אנגעקומען צום רבי'ן, לביתו נאוה קודש, אין אן ערב שבת קודש נאכמיטאג. עס איז דעמאלטס נישט געווען אין די שעות פון **קבלת קהל**, און מען האט געווענליך נישט געקענט אריינגיין צום רבי'ן אין אזא צייט, אבער אלס '**ראש הקהל**' האט ער געדארפט עפעס קלארמאכן איבערן סדר פונעם שבת קודש וואס קומט שוין צוגיין, און דעריבער האט מען אים געלאזט אריינגיין **אל הקודש פנימה**.

אריינקומענדיג אין הויז, האט ער געזען ווי די **רבנית הצדקנית ע"ה** ברענגט צום גרויסן טיש אין סאלאן די שבת ליכט, און דער הייליגער רבי גייט צו און פרעגט איר, פארוואס זי לייגט די שבת ליכט דא אין הויז? וויבאלד זייער מנהג איז געווען אז אויב דער רבי פירט טיש אום **ליל שבת קודש** אינעם היכל בית המדרש, צינדט דארט די רעבעצן די שבת ליכט, וויבאלד מען דארף צינדן די ליכט דארט וואו מען גייט עסן די סעודה (שו"ע או"ח סימן רס"ג סעיף י').

האט די רעבעצן געענטפערט: עס איז דאך נישט מעגליך צו פירן טיש היינט, וויבאלד דאס איז נישט פאר דיינע כוחות! היינט וועלן מיר עסן די סעודה פון שבת קודש אינדערהיים!

אבער דער רבי פון זיין זייט האט איר ערקלערט: דאס איז אוממעגליך, וויבאלד עס זענען שוין געקומען אסאך אורחים פאר שבת קודש, צווישן זיי פילע נגידים וועלכע שטיצן די מוסדות, דעריבער האב איך נישט קיין אנדער ברירה!

אזוי איז געווארן א שטיקל 'דין ודברים' צווישן זיי איבערדעם, ביז ענדליך האט די רעבעצן געוואונען, ווי דער שטייגער פון די פרויען על פי רוב... און דער רבי האט צוגעשטימט נישט צו פירן טיש.

דער ראש הקהל, וועלכער איז דער גאנצער צייט געשטאנען פון דער זייט און געווארט פארן באשלוס, האט געהאט חלישות דעת, וויבאלד ער האט אלעמאל געוואוסט אז דער שטארקסטער מענטש אויף דער וועלט איז דער סאטמארער רבי! וואס דער גאנצער וועלט האט געציטערט פון אים... און דא זעט ער אז די רעבעצן איז שטארקער ווי דער רבי זעלבסט...

און אזוי ווי ער שטייט אזוי און וואונדערט זיך, האט דער הייליגער רבי אים באמערקט און אויפגעכאפט זיין פארלעגנהייט, און מיט לעכטיגן שמייכל אויף זיין הייליג געזיכט, האט ער געזאגט צו אים: אין שלום בית ווענדט זיך אלעס בלויז אינעם מידה פון מוותר זיין, דער געווינער איז דער וועלכער איז מוותר!

• • •

אזוי ווי עס שטייט אינעם הייליגן ספר **הנהגות צדיקים** ביי די הנהגות קדושות פון הרה"ק **רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זצוק"ל** (אות ו), ווי פאלגנד: "וַתְּרָנוּת. – שֶׁיִּהְיֶה וַתְּרָן וכו', **וְלֹא יַקְפִּיד בְּבֵיתוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, כִּי הַמַּחֲלֹקֶת וְהַמְּרִיבָה בְּבֵיתוֹ שֶׁל אָדָם הוּא דָּבָר רַע רח"ל. – רַק אִם יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִכְעַס בְּלִבּוֹ, אֲזַי יִתְרָאֶה לִבּוֹ 'כְּאִלּוּ' הוּא מַקְפִּיד, אֲבָל חַס וְשָׁלוֹם שֶׁיִּהְיֶה הַקְפָּדָה וָכַעַס בְּלִבּוֹ!** וַאֲפִלּוּ לִדְבַר מִצְוָה לֹא יִכְעַס, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב **הָאֲרִ"י זללה"ה**, רַק לִפְעָמִים יִתְרָאֶה בְּעַצְמוֹ 'כְּאִלּוּ' הוּא כּוֹעֵס, וח"ו שֶׁיִּהְיֶה כַּעַס גָּמוּר, כִּי עֲוֹן הַכַּעַס גָּדוֹל עַד מְאֹד וכו'".

"וְיָסִיר מִדַּת הַכִּילוּת [הַקַּמְצָנוּת] מִלִּבּוֹ, כִּי הַכִּילוּת מוֹרֶה עַל הַדִּין כַּיָּדוּעַ. וּבְכָל הַדְּבָרִים הנ"ל בְּמִדַּת וַתְּרָנוּת יְכַוֵּן לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע הַחֲסָדִים עָלָיו וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה נַחַת רוּחַ לְיוֹצְרֵנוּ בָּרוּךְ הוּא". ביז אהער פון די הנהגות פונעם הייליגן זלאטשובער מגיד זי"ע.

א גרויסן כלל האבן רבותינו זכרונם לברכה מרמז געווען אין די הייליגע גמרא (ראש השנה ו.), אויפן פסוק "**וְהָיָה בְךָ חֵטְא**" (דברים כג, כב) – "**וְלֹא בְאִשְׁתְּךָ חֵטְא**", זע דארט די סוגיא. און מיר ווייסן (ב"ר מב, ג) אז יעדן מאל וואו עס שטייט 'והיה' איז עס א לשון שמחה, דארף מען דאך פארשטיין וואס איז דא די שמחה, אויב ער וואט האבן א זינד.

נאר, האבן זיי מפרש געווען, אז דא ווערט מרומז די געוואלדיגע שמחה פונעם מענטש, ווען ער געפינט **בך חטא**, ער טרעפט די זינד און די חִסָּרוֹן ביי זיך אליין, אבער "**ולא באשתך חטא**", און דו וועסט נישט ליידן און עס וועט דיר נישט ווי טון פון דעם וואס עס פעלט עפעס אין דיין ווייב, נאר דו וועסט זיין בשמחה!

• • •

א שיינעם דערציילונג בעסער צו פארשטיין דעם ענין, ליינט ווי פאלגנד:

עס איז אמאל געווען א פארמעגליכער גביר, וואס זיין ווייב איז געפארן צו א ווייטע לאנד, דורכצוגיין גאר טייערע מעדעצינישע באהאנדלונגען. זי האט זעלבסטפארשטענדליך מיטגענומען א גרויסן סומע געלט, אבער פונדעסטוועגן האט זי געזען נאך עטליכע חדשים אז די געלט איז נישט גענוג און קלעקט נישט פאר אלע הוצאות, וויבאלד עס זענען צוגעקומען נאך באהאנדלונגען וואס זי האט געדארפט האבן, און דעריבער האט איר אויסגעפעלט דעם ריזיגן סומע פון **פופציג טויזנט רובל**, טָבִין וְתַקִּילִין.

האט זיך די פרוי אוועקגעזעצט און געשריבן א בריוו צו איר מאן איבער איר געדרוקטן צושטאנד, און אים געבעטן אז ער זאל גלייך שיקן דעם גרויסן סומע, כדי עס זאל זיין גענוג פאר אלע אירע הוצאות וואס זי האט דארט.

אין יענע צייטן – איידער עס איז אויפגעקומען די אלע לייכטע און שנעלע וועגן צו שיקן געלט דורך אינטערנאציאנאלע בענק און קרעדיט־קארטלעך א.ד.ג. – איז דאס שיקן געלט פון איין לאנד צו אן אנדער לאנד, בכלל נישט געווען פון די גרינגע זאכן. צום ערשט האט מען געווארט ביז מען וועט געפינען א **רייזנדער** וועלכער פארט צו יענעם לאנד, און נאכדעם וואס מען האט שוין געטראפן אזא מענטשן, האט מען געדארפט מברר זיין צי יענער איז א באגלייבטער און פארלעסליכער מענטש, אויף וועם מען קען זיך פארלאזן. נישט איינמאל זענען מענטשן **אריינגעפאלן** ביי אזעלכע וואס האבן זיך פאָרגעשטעלט אלס פארלעסליכער **שלוחים**, וואס האבן אריינגעלייגט די גאנצע געלט ביי זיך אין קעשענע... און זענען דערנאך אנטלאפן און פארשוואונדן געווארן, ווי דער ערד וואלט זיי איינגעשלינגען.

ווען מען האט שוין יא געטראפן דעם פארלעסליכן שליח, וועלכער איז גרייט געווען צו נעמען אויף זיך די אחריות צו אריבערפירן דאס געלט, פלעגט יענער נעמען א שיינעם סומע אלס **שכר טירחא**, און אראפנעמען א שיינעם פראצענט פאר זיך, צוליב דעם געוואלדיגן אחריות און שווערן אויפגאבע. אין קורצן – עס האט זיך גערעדט פון א שווערער און פארפלאנטערטער עסק...

ווען דער עושר האט באקומען דעם בריוו, האט ער גלייך גענומען זוכן א באגלייבטער שליח וועלכער פארט צו יענע ווייטע לאנד, און איז גרייט אריבערצופירן אזא גרויסע סומע פון פופציג טויזנט רובל צו זיין ווייב. נאכן גוט מברר זיין איז אים געלונגען מיטן אויבערשטנ'ס הילף צו טרעפן א באוואוסטער און פארלעסליכער שליח, מיט וועמען ער האט זיך געטראפן, און פארלאנגט פון אים גלייך אריבערצופירן דאס געלט צו זיין ווייב וועלכע געפינט זיך אין די ווייטע לאנד.

דער שליח האט מסכים געווען צו אריבערפירן דאס געלט מיטן פולן אחריות,

המשך אין עמוד ד' >




נאר דא איז ערשינען אן ערנטסן פראבלעם, איידער זיי האבן אונטערגעשריבן דעם הסכם. ווען דער שליח האט געהערט וויפיל דער גביר וויל אים באצאלן פאר זיין טירחא, איז ער נישט געווען גרייט מסכים צו זיין דערצו בשום אופן! אונזער שליח איז געווען באוואוסט אלס גאר א טייערער! ער האט אויסגענוצט דעם פאקט אז עס איז שווער צו טרעפן פארלעסליכער שלוחים אין דעם תחום, און אז די מענטשן דארפן וויכטיג אז מען זאל זאפארט [תיכף] אריבערפירן דאס געלט, און דעריבער האט ער זיך ערלויבט צו נעמען גרויסע פראצענטן פאר יעדן שליחות.

אויך ווען דער גביר האט שוין מסכים געווען צו העכערן דעם באלוינונג צו טויזנט רובל, האט נאך אלץ דער שליח גע'טענה'ט אז דאס איז זייער א שווערע אחריות, און וויפיל דער גביר האט זיך פראבירט בעטן ביי אים און העכערן זיין געהאלט, האט דער שליח ווייטער גע'טענה'ט אז עס לוינט זיך אים נישט...

ווען דער עושר האט געזען אז זיי קומען זיך נישט דורך אויפן פרייז, האט ער אים פלוצלונג פארגעשלאגן גאר א וואונדערליכע פארשלאג: דא האסטו דעם קאנווערט מיט די פופציג טויזנט רובל, און דערפון זאלסטו געבן פאר מיין ווייב וויפיל דו ווילסט!

מער ווי דעם האט שוין דער שליח נישט געקענט חלומ'ען, און ער האט גלייך געשלאסן מיט אים דאס געשעפט. זיי האבן זיך ביידע אוועקגעזעצט און אונטערגעשריבן א קאנטראקט, וואו עס געשטאנען קלאר און דייטליך, אז דער גביר שיקט מיט אים דעם קאנווערט מיט פופציג טויזנט רובל, און דער שליח וועט געבן דערפון פאר די פרוי, וויפיל ער וויל!

דער שליח האט זיך זייער געפריידט אויף דעם געוואלדיגן פארדינסט וואס איז אריינגעפאלן ביי אים. ער איז שנעל אנגעקומען צו יענע לאנד, און לויטן אדרעס וואס מען האט אים געגעבן איז ער אנגעקומען צו די אכסניא פון די פרוי, ער האט געעפנט פאר איר דעם קאנווערט און איר געוויזן דעם גע'חתמ'עטן קאנטראקט וואס איר מאן האט אונטערגעשריבן, און דארטן איז קלאר געשטאנען אז ער וועט איר געבן פונעם קאנווערט, וועלכן סומע ער וועט וועלן. – דעריבער האט דער שליח מודיע געווען דראמאטיש פארן פרוי, אז ער וויל האבן פאר זיך ניין און פערציג טויזנט רובל! און פאר איר וועט ער געבן בלויז טויזנט רובל...

די פרוי איז געווארן אינגאנצן צוטומלט. וואס טוט זיך דא? וויאזוי קען דאס זיין? זי דארף דאך אזוי וויכטיג האבן די גרויסע סומע געלט! וויאזוי האט איר קלוגער מאן איבערגעלאזט ביי אט דעם מאדנעם שליח דעם באשלוס וויפיל איר צו געבן?

פון גרויס ענטוישונג האט די פרוי נישט געוואוסט וואו זיך אהינצוטון, און זי האט גערופן דעם שליח אז ער זאל קומען מיט איר צו א דין תורה ביים רב פונעם שטאט. דער שליח האט מסכים געווען צו גיין צו דין תורה, זייענדיג פארזיכערט מיט זיין גערעכטיגקייט און אומשולד. ער איז אנגעקומען אינעם בית דין מיט זיכערע און רואיגע טריט, און פון זיין קעשענע האט ער ארויסגעצויגן דעם קאנטראקט וואס איז געווען אונטערגעשריבן דורכן מאן, און האט עס אראפגעלייגט אויפן טיש.

איבערקוקנדיג דעם שטר, האט אלעס געשטימט, און נאכן ווערן אויסגעפרעגט דורכן בית דין, איז געווארן קלאר אז דער מענטש רעדט אמת, וויבאלד אזוי איז קלאר געשטאנען אינעם צעטל, שווארץ אויף ווייס: **געב איר וויפיל דו ווילסט!**

עס איז טאקע געווען א שווערע חידה, פארוואס זאל א קלוגער מענטש טון אזא נארישקייט? איבערצולאזן דעם באשלוס וויפיל צו געבן, אין די האנט פונעם שליח, אינדערצייט וואס עס איז קלאר אז ער וועט נעמען דער גרעסערער טייל פאר זיך... וואס באהאלט זיך דא, אונטער די מעשה? און פארוואס האט דער מענטש אונטערגעשריבן מיט אים אויף אזא מאדנער קאנטראקט?

וויבאלד דער רב און די דיינים האבן נישט געטראפן קיין שום ענטפער צום שווערן חידה וואס זיי האבן געהאט פאר זיי, האט דער רב פארלאנגט אז מען זאל לאזן ביי אים דעם קאנטראקט און דעם קאנווערט מיט די געלט, כדי זיך צו פארטיפן אין אט דעם פארוויקלטן דין-תורה, און זיי זאלן צוריקקומען אויפצומארגנס.

ווען ביידע צדדים זענען געקומען אויפצומארגנס צום בית דין, כדי צו הערן דעם פסק, האט דער רב נאכאמאל געפרעגט דעם שלית, פונקטליך וויפיל ער וויל? – האט דער שליח געענטפערט: **ניין און פערציג טויזנט רובל!**

האט דער רב גע'פסק'נט מיט א שמייכל: איז נעם ארויס פונקט דעם סומע וואס דו ווילסט, ניין און פערציג טויזנט רובל, און געב עס צו די פרוי! – ווייל אזוי האט דער מאן קלאר געשריבן אינעם שטר וואס ליגט דא פאר אונז: געב אונז וויפיל דו ווילסט – דאס מיינט אז פונקט וויפיל דו ווילסט, דאס איז וויפיל דו דארפסט געבן פאר די פרוי!

און דעם געוואלדיגן **מוסר-השכל** וואס מיר לערנען זיך ארויס דערפון איז: **געב איר וויפיל דו ווילסט**, דאס וואס דו ווילסט פאר דיר אליין, פונקט דאס זאלסטו איר געבן...

אט דאס איז די ריכטיגע וועג צו מקיים זיין די מצוה פון (ויקרא יט, יח) "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"! געב פארן צווייטן דאס וואס דו ווילסט האבן פאר דיר אליין!


מוקד הזמנות ספרים
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173